אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




פרשת שופטים תשפ"ב • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 276

## אמרות שמשון

### ווען מען טוט רצון ה' דארף מען נישט מורא האבן • מיטן טון רצון ה' טוט מען פארשפרייטן די נאמען פונעם אויבערשטן

**תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אַתָּה יוֹרֵשׁ אוֹתָם אֶל מְעֹנְנִים וְאֶל קֹסְמִים יִשְׁמָעוּ וְאַתָּה לֹא כֵן נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ** (יח, יג-יד): עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (ילקוט שמעוני ישעיה רמז תנ"ה), אויפן פסוק אין 'נביא' (ישעי' מג, יב), **וְאַתֶּם עֵדַי נְאֻם יְיָ וַאֲנִי אֵל**. דרש'ענט דער מדרש, **כשאתם עדי אני א-ל, וכשאין אתם עדי כביכול איני א-ל**, דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל: 'ווען ענק זענען מיינע עדים, בין איך דער באשעפער. אבער ווען ענק זענען נישט מיינע עדים, בין איך כביכול נישט דער באשעפער'.

**מען** קען ערקלערן די כוונה פונעם מדרש, לויט ווי עס שטייט אין 'פסוק' (במדבר כג, כג), **כִּי לֹא נַחַשׁ בְּיַעֲקֹב וְלֹא קֶסֶם בְּיִשְׂרָאֵל**. ווען כלל ישראל איז ערליך און טון נישט קיין עבירות, דארפן זיי נישט מורא האבן פון אלע סארט 'מנחשים' און 'מכשפים' (כישוף מאכער'ס וועלכע זוכן צו שלעכטס טון פאר כלל ישראל). אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין 'גמרא' (חולין ז:), אויפן פסוק (דברים ד, לה) **אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ - אפילו כשפים**, קיינער קען נישט געוועלטיגן און טון שלעכטס אן דעם ערלויבעניש פונעם באשעפער. און די גמרא פירט אויס, דער מענטש וועלכע האט גרויסע זכותים קענען נישט די מכשפים האבן א שליטה איבער אים און אים שעדיגן.

**קומט** אויס לויט דעם, ווען כלל ישראל האט זכותים, קענען די כוחות הטומאה נישט געוועלטיגן איבער כלל ישראל, און עס דערקענט זיך אויפן וועלט אז דער באשעפער איז דער איינציגסטער וואס געוועלטיגט 'אין עוד מלבדו'.

**אבער** אויב ח"ו כלל ישראל פארמאגט נישט קיין זכותים, דאן האבן די מכשפים א כח און מעגליכקייט צו שעדיגן כלל ישראל. דעריבער שטייט אין חז"ל (שם) אז זיי ווערן אנגערופען **'כשפים' על שם שמכחישין פמליא של מעלה**, (זיי טון אָפּשוואַכן די כח פונעם פמליא של מעלה, וויבאלד זיי טון שלעכטס פאר א מענטש, אפילו אויב עס איז נישט נגזר געווארן אויף אים פון אויבן, רש"י).

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פשט אינעם אויבנדערמאנטן מדרש, **'כשאתם עדי'** ווען כלל ישראל זענען די עדים פונעם באשעפער, דאס הייסט זיי טון מצות און מעשים טובים, דאן - **'אני א-ל'** - דערקענט זיך אז דער אויבערשטער איז גאָט, ווייל די מכַשפים האבן נישט קיין כח צו שלעכטס טון, אזוי ארום ווערט באקאנט אויף די וועלט אז דער אויבערשטער איז דער וואס פירט דאס גאנצע וועלט, און עס איז 'אין עוד מלבדו'.

**דאקעגן, 'כשאין אתם עדי'** אויב כלל ישראל זינדיגט און האט נישט גענוג זכותים, וואס דאס ברענגט צו אז כשפים זאלן קענען געוועלטיגן און ח"ו שלעכטס טון פאר כלל ישראל, וואס דאס פארמינערט אויף די וועלט די פארשפרייטונג פונעם באשעפער, אז ער איז 'אין עוד מלבדו', ווערט דאס פארערכנט **'כביכול איני א-ל'**, וויבאלד דער נאמען פונעם באשעפער ווערט נישט פארשפרייט (ועיי"ש בהמשך דברי רבינו). (פרשתינו אות ד')

### ערקלערונג פארוואס די תורה באנוצט זיך מיט א לשון יחיד • סתירה אין רש"י • טעם פארוואס רש"י ברענגט א ראי' פון ענדע 'שירת הים'

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** (כ, א): 'רש"י' ברענגט פון חז"ל (ד"ה סוס ורכב), **בעיני חשובים כולם כסוס אחד, וכן הוא אומר** (שופטים ו, טז) **וְהִכִּיתָ אֶת מִדְיָן כְּאִישׁ אֶחָד. וכן הוא אומר** (שמות טו, יט) **כִּי בָא סוּס פַּרְעֹה**. דער פסוק באנוצט זיך מיט א לשון יחיד **'סוס'** אַנשטאָט לשון רבים **'סוסים'**, וויבאלד א גאנצע גרויסע מיליטער איז פאַררעכנט פאר הקב"ה ווי בלויז איין פערד, און רש"י לייגט צו א ראי' פונעם פסוק אין פרשת בשלח, ווי די תורה באנוצט זיך מיט א לשון **'כי בא סוס פרעה'**.

**די** מפרשים פרעגן, 'רש"י' אליינס ברענגט אין 'פרשת וישלח' (בראשית לב, ו), אויפן פסוק **'וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר'**, **דרך ארץ לומר על שורים הרבה שור, כמו קרא התרנגול ואינו אומר קראו התרנגולים**. די סדר איז זיך צו באנוצן מיט א לשון יחיד 'שור' פאר אסאך שורים.

**אויב** אזוי וואס איז די ראי' וואס רש"י ברענגט דא אויפן לשון הפסוק **'בעיני חשובים כולם כסוס אחד'**? עס קען זיין אז די תורה זאגט א לשון יחיד, וויבאלד דאס איז דער געווענליכע סדר אזוי צו זאגן, אזוי ווי רש"י ברענגט אין פרשת וישלח.

**דער** תירוץ איז, דאס וואס רש"י זאגט אין פרשת וישלח, אז עס איז א דרך ארץ אזוי צו רעדן, דאס איז דוקא ביי יעקב אבינו וואס האט זיך נישט געוואלט ארויסווייזן מיט זיין גרויסע רייכטום אנטקעגן עשו הרשע, ס'איז אים געווען ליבערשט צו זאגן אז ער האט אביסל פון יעדע סארט.

**אבער** רש"י האט געדארפט צולייגן, אז דאס איז אויך א דרך ארץ צו זאגן 'לשורים הרבה שור', ווייל אויב איז דאס נישט קיין דרך ארץ דאן זעט דאס אויס ווי ער רעדט ליגנט, אז ער זאגט אויף אסאך שורים נאר א לשון יחיד 'שור'.

**דאקעגן** ביי אונז אין פסוק איז נישט פארהאן קיין סיבה זיך צו באנוצן מיט א לשון יחיד, דעריבער איז רש"י מסביר אז אלעס ווערט פאררעכנט פארן אויבערשטן ווי איינס.

◆ ◆ ◆

**די** אנדערע פסוק (פון פרשת בשלח) וואס רש"י ברענגט אלץ ראי', **'כי בא סוס פרעה'** דאס איז אין די ענדע 'שירת הים' וואס מ'זאגט שבחים אויפן אויבערשטן און מען פארציילט די גרויסקייט פונעם נס, אז דער אויבערשטער האט צוריקגעקערט די וואסער פונעם ים סוף אפילו ווען די אידן זענען נאך געווען אינעם ים, דארט וואלט יא געפּאַסט צו שרייבן א לשון רבים כדי צו מאכן ווי גרעסער די נס, און וויבאלד די תורה שרייבט נישט א לשון רבים איז דאס א ראי' צו דער פשט פון רש"י אז 'בעיני חשובים כולם כסוס אחד'.

**מיט** דעם פארשטייט מען אויך פארוואס רש"י ברענגט נאר די פסוק פון סוף שירה און נישט פון אָנפאַנג שירה, טראָץ וואס דארט ווערט אויך דערמאנט די ווארט 'סוס' בלשון יחיד **'סוּס וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם'** (שמות יד, כג ועיין שפתי חכמים), וויבאלד די עיקר ראי' וואס מען זעט פון פסוק, איז אפילו ווען מען פארציילט דאס תוקף הנס (וואס דאס איז סוף שירה, און מען וואלט געדארפט ווי מער פארמערן די נס), פארט זאגט די תורה בלשון יחיד כדי צו לאזן הערן דאס אויבנדערמאנטע דרשה. (פרשתינו אות ו')

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

לברכה ולהצלחה
דניאל אודי
בן רג'ינה מלכה
להצלחה וברכה וסייעתא דשמיא בכל אשר הוא פונה וימלא ה' משאלות לבו לטובה

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לרפואה שלימה
יהושע צבי בן שדל
ובנו ברוך בענדיט בן חנה גיטל
זכות המחבר יעמוד להם לאריכות ימים ושנים טובות בבריאות השלימה לשמחתם ושמחת כל משפחתם

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

## דער שולדיגער האט זיך מודה געווען

**דער מגיד שיעור הרב רבי אליהו עמר שליט"א, פון די חשוב'ע מגידי שיעורים אינעם ספר זרע שמשון, האט פארציילט ביי די וועכנטליכע שיעור די פאלגנדע סיפור וואס האט פאסירט ביי איינע פון די קביעות'דיגע משתתפי השיעור:**

**עס** האט מיר פארציילט א איד וועלכע איז פון די חשוב'ע משתתפים דא ביי אונזער שיעור אינעם ספר זרע שמשון, ווי אזוי ער האט בייגעוואוינט א מורא'דיגע ישועה בזכות רבינו בעל הזרע שמשון זי"ע.

**דער** איד איז געפארן מיט זיין קאר אויפן הייוועי, און אינמיטן איז אים אנטקעגן געקומען פון די אנדערע זייט א פליענדע קאר וואס האט ארייגעזעצט אין זיין קאר אויף זייער א ערנסטע וועג.

**די** עקסידענט האט אפגעשטעלט די גאנצע הייוועי פון ביידע זייטן, די קאר איז צושמעטערט געווארן, און מיט ניסי ניסים איז ער ארויס גאנץ מיטן לעבן. ווי פארשטייט זיך אז ער איז גלייך ארויסגעקראכן פונעם צוקראכטן קאר, און געלויבט און געדאנקט דער אויבערשטער אז ער איז ארויס געזונט און שטארק ב"ה.

**עטליכע** מינוט שפעטער איז געקומען צו פליען הצלה מיט פאליציי, און ב"ה פאר די הצלה וואלנטורן איז נישט געווען צופיל וואס צו טון, אבער די פאליציי זענען געבליבן צו אויספארשן די אינצעדענט, דער איד האט זיי איבערגעגעבן דער ריינע אמת, אז יענער איז דער וואס איז ארייגעפארן אין זיין קאר, אבער דער אנדערע האט געלייקנט שטיין און ביין אז דאס איז בכלל נישט זיין שולד - נאר פארקערט - דער איד איז גאר געווען דער וואס האט פאראורזאכט די עקסידענט.

**וויבאלד** עס איז נישט געווען קיין קלארע באווייזן ווי אזוי עס האט פאסירט, האבן די פאליציי גארנישט געקענט באשליסן אויפן ארט, און דער וויכוח איבער דער שולדיגער פון די עקסידענט איז געבליבן צווישן די צווי דרייווער'ס.

**וויבאלד** עס איז נישט געווען קיין קלארע באריכט איבער די שולדיגע אין די עקסידענט, האט די אינשורענ'ס נישט געהאלטן ביים באצאלן די שווערע שאדן וואס איז געשאפן געווארן פארן קאר, און ער האט געמוזט אליין באצאלן פון די אייגענע קעשענע די ריזיגע קאסטן צו פאררעכטן די קאר, דאס איז צוגאב די אויפשטייגונג פון די חודש'ליכע אינשורענס קאסטן וואס גייט ארויף נאך א עקסידענט.

**פארציילט** דער איד: וויבאלד איך האט נישט געהאט אזוי פיל געלט צו באצאלן, האב איך צורשט געגעבן א טשעק אויסגעשריבן פאר צווי חדשים ארום, מיט די האפענונג אז ביז דעמאלטס וועל איך בס"ד קענען אויפווייזן מיין אומשולד, און די אינשורענס וועט בס"ד באצאלן די גרויסע קאסטן צו פאררעכטן די קאר.

**דורכאויס** די צייט האב איך פרובירט צו שאפן באווייזן ווי אזוי די עקסידענט האט פאסירט, און איך האב פרובירט דורך פארשידענע וועגן ארויס צו באקומען די פארלאנגטע סומע געלט פון די אינשורענס, אבער אן ערפאלג.

**נאכדעם** וואס איך האב געזען אז איך האב שוין געטון אלע השתדלות'ן וואס איז שייך, און איך האט נישט מצליח געווען, האב איך באשלאסן אז אפשר וועט די כח פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע מיר העלפן ארויס צו קריכן פון מיין פארגעלעגנהייט.

**איך** האב זיך קובע געווען און א עקסטערע שיעור יעדן טאג צו לערנען אינעם ספר זרע שמשון, און געדאווענט און געבעטן דער אויבערשטער אז איך זאל זוכה זיין צו א ישועה, טראץ וואס איך זע נישט קיין וועג על פי די גלייכע דרך הטבע.

**א** חודש און א האלב שפעטער, נאכדעם וואס איך האב יעדן טאג מקיים געווען מיין קבלה און געלערנט א שטיקל זרע שמשון, האט איך ערהאלטן א אומגעראכטענע טלעפאון קאל פון מיין אינשורענס קאמפעני אז פאר א קורצע צייט צוריק האט דער אנדערע דרייווער מודה געווען אז ער איז געווען דער וואס האט געמאכט די עקסידענט, און זיין אינשורענס וועט באצאלן די גאנצע שאדן פון די קאר, און אזוי אויך וועט די חודש'ליכע אינשורענס קאסטן נישט ארויפגיין אין פרייז.

**הרב עמר שליט"א האט פארענדיגט זיינע ווערטער און געזאגט:**

**דאס** איז בלויז געווען איינע פון די צענדליגע ישועות וואס איך הער ב"ה כסדר פון אידן וואס זענען זוכה צו בייוואוינען און מיטלעבן בזכות'ן לערנען דער ספר זרע שמשון, און דער גרויסער מחבר זי"ע בלייבט נישט קיינעם שולדיג.

**ווי נאר דער מגיד שיעור האט פארענדיגט די מעשה, שטעלט זיך אויף א איד פון די משתתפי השיעור און האט געבעטן דער רשות הדיבור צו פארציילן זיין ישועה וואס ער האט אויך זוכה געווען צו געהאלפן ווערן אין פרנסה בזכות דער הייליגער זרע שמשון, און ער פארציילט אזוי:**

**אין** די לעצטע תקופה, נאכדעם וואס מיין משפחה האט זיך ב"ה פארברייטערט, האט אויסגעפעלט זיך צו אריבערציען צו א גרעסערע דירה, מיין פלאן איז געווען אז איך וועל פארקויפן מיין יעצטיגע דירה, און איך וועל צולייגן נאך געלט צו קענען קויפן א גרעסערע דירה בס"ד.

**ב"ה**, איך האב געטראפן א פאסיגע נייע דירה וואו מען קען זיך אריינציען, און יעצט האב איך געדארפט טרעפן איינער וואס זאל קויפן מיין אלטע דירה. איך האב דאס איבערגעגעבן פאר עטליכע בראוקער'ס זיי זאלן פראבירן צו טרעפן א פאסיגער קונה, אבער טראץ וואס אסאך מענטשן זענען געקומען זען די דירה האט קיינער נישט געענדיגט שליסן א מקח.

**עס** איז אריבער א קורצע צייט און איך האב זייער וויכטיג געמוזט האבן די געלט כדי צו קענען ענדיגן די מקח פון די נייע דירה וואס איך האב געקויפט, אבער ביז דערווייל איז די אלטע דירה געבליבן שטיין אנדעם וואס איינער זאל דאס קויפן.

**זייענדיג** אין א שטארקע דרוק האב פרובירט פארשידענע סארט השתדלות'ן אבער אן ערפאלג, דעריבער האב איך באשלאסן אז איך וועלן אנהייבן צו לערנען פאר מיר דער ספר זרע שמשון, כדי צו זוכה זיין אין די הבטחה פונעם הייליגן מחבר וואס האט אנגעוואונטשן די ברכה פון 'בתים מלאים כל טוב', און בזכות דעם זאל איך געהאלפן ווערן צו קענען פארקויפן די דירה.

**און** ב"ה בלויז צווי וואכן שפעטער - זינט איך האב אנגעהויבן מיין קביעות אין זרע שמשון - האב איך ברוך ה' פארקויפט די דירה פאר זייער א גוטע פרייז נאך בעסער ווי געראכטן בס"ד.

**הערנדיג** די מעשה האט דער מגיד שיעור פארענדיגט די שיעור און געזאגט:

**טייערע אידן: איך האט דאך יעצט געהערט ווי די סגולה פונעם ספר זרע שמשון איז נישט בלויז א סגולה, דער הייליגער זרע שמשון איז מליץ טוב אויבן אויף יענע וועלט פאר די אלע וואס זענען מקיים זיין צוואה.**

**אבער מען דארף וויסן אז אפילו אויב מען איז נישט זוכה אייביג צו זען גלייך א ישועה, טאר מען נישט אויפגעבן נאר ווייטער זיך פארלאזן אויפן אויבערשטער, 'קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'', מען זאל זיך שטארקן מיט תפילה און אמונה, און מיט אויבערשטנ'ס הילף וועט די ישועה אנקומען בקרוב ממש, זי"ע.**

## א' קליינע קבלה' וואס האט געבראכט א' גרויסע ישועה'

**דער** יערליכער צענטראלער יארצייט סעודה פונעם זרע שמשון, קומט פאר אין עיה"ק ירושלים תובב"א, אין שפיץ פון רבנים און גאונים שליט"א צוזאמען מיט די ראשי המכון, מיט די באטייליגונג פון הונדערטע אידן וואס האבן א חלק און דאס לערנען און פארשפרייטן תורת רבינו הזרע שמשון זי"ע דורכאויס די יאר.

**איינע** פון די חשוב'ע משתתפים ביי סעודת הילולא איז הרה"ג ר' שבח פעפער שליט"א, וועלכע וואוינט אין ירושלים עיה"ק, ער איז א גרויסער תלמיד חכם און מרביץ תורה, און איז עוסק בהצנע לכת

צו העלפן און מחזק זיין צובראכענע נשמות, צוגאב צו דעם האט ער א באדייטנדע טייל אינעם פארשפרייטן די לימוד זרע שמשון, מיטן שרייבן די וועכענטליכע גליון זרע שמשון אויפן ענגלישן שפראך, וועלכע ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטע אידן איבער די גארער וועלט.

**זיצנדיג** נעבן אים ביי די יארצייט סעודה דעם פארלאפענע ו' אלול שנת תשפ"א לפ"ק, האט ער פארציילט א מערקווירדיגע עפיזאד וואס האט פאסירט מיט אים אליינ'ס.

**ומעשה שהיה כך היה:**

**יעצט** ווען מען זיצט דא ביים יארצייט סעודה איבער שיינע געדעקטע טישן, מיט א חשוב'ע אויבנאן פיל מיט רבנים ואנשי שם, קומט ארויף אין זכרון די יארצייט סעודה וואס איז געפראוועט געווארן לעצטע יאר - שנת תש"פ - אונטער די שאטן פון קאראנע, ווי מיינסטנס פארזאמלונגען זענען געווען פארבאטן, דעריבער איז די סעודה געפראוועט געווארן אויף א קלענערע פארנעם, באזונדער און אפגעטיילט אונטערן פרייען הימל, לויט די דעמאלטס'דיגע פארשריפטן פון די קאראנע רעגולאציע'ס.

**זייענדיג** פון די געציילטע באטייליגטע דארט ביים סעודה, איז מיר ארויפגעקומען א מחשבה'לע, אז די לעצטע צען יאר ווערט שוין געפראוועט די יארצייט פונעם הייליגן זרע שמשון, עס קומט פאר ברוב עם, און עס טוט פארמערן און פארברייטערן דאס לערנען און פארשפרייטן תורת רבינו זי"ע, און עס איז שטענדיג געווען מיט א בחינה פון 'מעלין בקודש', וואס יעדעס יאר איז די ציבור געוואקסן בס"ד, און מען האט ב"ה זוכה געווען צו מקיים זיין רצון צדיק צו לערנען און פארשפרייטן זיינע תורות.

**אבער** היי יאר, ווען די סעודה ווערט געפראוועט אויף א קלענערע פארנעם, פעלט אודאי אין די עבודת הקודש פון פארמערן און פארברייטערן די לומדים וואס לערנען זרע שמשון.

**דעריבער** האב איך באשלאסן - פארציילט ר' שבח - איז איך וועל נעמען עפעס אויף מיר צו פארמערן עפעס אינעם לערנען תורת רבינו הזרע שמשון, און איך האב אויפן ארט באשלאסן אז איך וועל פראבירן צו טון מיין חלק וואס ליגט אין מיינע הענט, און צולייגן נאך פינעף מינוט א טאג צו לערנען אינעם ספר הקדוש זרע שמשון.

**די** פרישע קבלה איז געווען אויסער די וועכענטליכע עבודת הקודש פון לערנען און פארשפרייטן תורת הזרע שמשון, און דערביי האב איך צוגעלייגט א בקשה, אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף זאל די פרישע קבלה מיר ביישטיין צו געהאלפן ווערן מיט א ישועה, לזכות מיין טאכטער וואס איז שוין 25 יאר אלט און האט נאכנישט זוכה געווען צו טרעפן איר באשערטע זיווג.

**די** סעודה איז פארגעקומען זונטאג נאכט (אור ליום ב', ו' אלול), און איך האב ווירקליך אנגעהויבן נאך יענע נאכט צו לערנען די באשטימטע פינעף מינוט, און אזוי איז געווען צומארגנ'ס מאנטאג.

**דינסטאג** אינדערפרי - וויניגער פון דריי טעג זינט די יארצייט, ווען איך האב זיך אונטערגענומען מיין פרישע קבלה - האט מען אנגעטראגן גאר א שיינע פאסיגע שידוך פאר מיין טאכטער, און בלויז עטליכע וואכן שפעטער איז די שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

**ר' שבח שליט"א האט פארענדיגט זיינע מעשה, און אויסגעפירט צו די ארומיגע וועלכע האבן אויסגעהערט מיט נייגער, און געזאגט:**

**איך** האב שטענדיג געוואוסט אז דער הייליגער זרע שמשון באגלייט מיר אויף טריט און שריט בזכות די אלע זאכן וואס איז טו לטובת ולעילוי נשמתו, און דורכאויס די צייט האב איך ב"ה שוין זוכה געווען צו זען אויסטערלישע ישועות ונפלאות. אבער דאס מאל איז עס געווען עפעס באזונדער, די באזונדערע שנעלקייט וואס איך האב זוכה געווען צו א ישועה וואס מעןווארט שוין אויף דעם א שיינע פאר יאר.

**דעריבער** וויל איך ענק זאגן, פאר סיי ווער וואס ווארט צו געהאלפן ווערן מיט א ישועה, אפילו אויב מען טוט שוין און מען לערנט זרע שמשון, זאל מען צולייגן עפעס א קלייניקייט, און בעזרת ה' וועט די ישועה קומען און מען וועט געהאלפן ווערן בסייעתא דשמיא, זי"ע.

## 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים'

**מיט** בערך צוויי חדשים צוריק האט זיך איינער פארבינדן צו די אפיס פון 'מכון האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון' און האט געבעטן צו באשטעלן א גרויסע קוואנטום פון די נייע 'ברכת המזון - זרע שמשון', וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די חברי המכון, און צוגעלייגט אז ער וויל דאס פארטיילן ביי די בר מצוה פון זיין חשוב'ע אייניקל וואס וועט פארקומען די קומענדיגע ו' אלול הבעל"ט.

**פון** צווישן זיינע ווערטער האט זיך ארויסגעהערט א אומגעווענליכע התרגשות און איבערגענומענקייט, און דער איד האט נישט געלאזט צו לאנג ווארטן, נאכדעם וואס ער האט באשטעלט די הזמנה און האט געענדיגט איבערגעבן די אלע נויטיגע דעטאלן, האט ער אנגעהויבן צו פארציילן די געשיכטע וואס ליגט אונטער דעם.

**און ער פארציילט אזוי:**

**מיין** קשר און שייכות מיטן הייליגן זרע שמשון האט זיך אנגעהויבן מיט בערך פערצן יאר צוריק, ווען איך און מיין משפחה זענען אריבער פארשידענע שוועריקייטן, די הויפט שוועריקייט איז געווען מיט מיין טייערער זון נ"י וועלכע איז שוין געווען חתונה געהאט פאר א שיינע פאר יאר, האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא.

**איך** קען נישט פארגעסן די תקופה וואס די גאנצע משפחה איז דעמאלטס אריבער, די אויבנדערמאנטע שוועריקייט האט צוגעברענגט צו נאך פארשידענע פראבלעמען, וואס וואלט זיך געקענט ענדיגן אינגאנצן אנדערש ווען נישט די פאלגנדע האט פאסירט.

**אין** איינע פון די טעג, האט איך געהערט איבער די סגולה פון לערנען דער ספר זרע שמשון, און ווי דער הייליגער מחבר האט צוגעזאגט די געוואלדיגע ברכה **"ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים ובתים מלאים כל טוב"**, אבער וויבאלד דער ספר איז נאכנישט געווען אזוי באקאנט, עס איז נאך געווען איידער די נאמען פונעם זרע שמשון איז געווארן ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט, און דער ספר איז נאכנישט געווען ניי איבערגעדרוקט, האב איך געדארפט ממש איבערדרייען א וועלט כדי צו באקומען דעם ספר.

**אבער** וואס טוט מען נישט פאר א סגולה? איך האב ב"ה באוויזן צו באקומען א קאַפּי פון די אלטע דרוק, און איך האב זיך אונטערגענומען מיט א שטארקע קבלה צו לערנען דעם ספר יעדן שבת קודש מיט א קביעות, און איך האב געבעטן דעם באשעפער אז די ברכה וואס דער זרע שמשון האט צוגעזאגט 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים', זאל מקוים ווערן ביי מיר בקרוב ממש.

**ב"ה** - געלויבט דער הייליגער באשעפער - פונקטליך א יאר שפעטער, אויף די אומגלויבליכע דאטום - אום ו' אלול - דער טאג פון די יארצייט פונעם הייליגן מחבר זי"ע איז די גאנצע משפחה אויפגעראכטן געווארן ווען עס איז געבוירן געווארן א אייניקל, א בכור ביי מיין זון וועלכע ווארט שוין אזוי לאנג צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא.

**עד** הנה עזרוני רחמיך - זעצט פאר דער איד - דער גרויסער באשעפער האט מיר געהאלפן ביז אהער מיט רחמים וחסדים, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף - ולא עזבוני חסדיך - וועט היי יאר ו' אלול פארקומען די בר מצוה פון מיין טייערער אייניקל נ"י, און איך שפיר פאר א פליכט און א חיוב צו מפרסם זיין און לויבן און דאנקן דער אויבערשטער, אויף די געוואלדיגע ישועה וואס אונז האבן זוכה געווען בזכות כוחו של אותו זקן, דער הייליגער זרע שמשון זי"ע.

**דעריבער** וויל איך פארטיילן פאר אלע משתתפים ביי די בר מצוה די נייע 'ברכת המזון - זרע שמשון', כדי צו פארשפרייטן דער נס, און איינוועג'ס פארמערן די לומדים אינעם מסוגל'דיגן ספר זרע שמשון אינעם טאג פונעם יארצייט, זי"ע.

שו"ת זרע שמשון

# "ואת המעשה אשר יעשון"

## תשובות וואס זענען געענטפערט געווארן דורך גדולי הדור זצוק"ל ויבלחט"א שליט"א







דער ספר זרע שמשון איז ב"ה זייער פארשפרייט איבער גאנץ כלל ישראל, טויזנטע אידן פון איבער די גאנצע וועלט לערנען דעם ספר, און זענען מקיים די בקשה פונעם הייליגן מחבר **רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זי"ע.**

דורכאויס די צייט איז אריין געקומען עטליכע שאלות צום טישל פון 'מכון האיגוד העולמי להפצת תורת הזרע שמשון', וואס איז נתעורר געווארן דורך אידן וואס לערנען דעם ספר, און האבן געהאט פארשידענע שאלות בהלכה ובהשקפה.

די געטרייע חשוב'ע ראשי המכון שיחי' - וועלכע באזוכן כסדר אין די שטובער פון גדולי ומאורי דורינו שליט"א, און טיילן מיט די עבודת הקודש וואס עס גייט פאר אינערהאלב די מכון איבער די הפצת תורת רבינו זי"ע - האבן אריבער געפירט די שאלות צו די גדולי הדור און פוסקי דורינו וואס זאלן זאגן **'את המעשה אשר יעשון ואת הדרך אשר ילכו בה'** (שמות יח, כ).

לכבוד די יומא דהילולא קדישא פון רבינו זי"ע, וואס פאלט אויס ו' אלול, ברענגן מיר דא אראפ א טייל פון די שאלות וואס זענען געפרעגט געווארן, און די תשובות וואס די גדולי הדור האבן געענטפערט.

### שאלה א'

**עס איז באקאנט אז דער הייליגער זרע שמשון האט צוגעזאגט אז דער וואס וועט לערנען אין זיין ספר וועט געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות. ווי אזוי דארף מען זיך קובע זיין צו לערנען אינעם ספר כדי צו זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה, מען דארף לערנען יעדן טאג, אדער עס איז גענוג צו לערנען איין - צוויי מאל א וואך?**

תשובתו של מרן שר התורה הגר"ח קניבסקי זצוק"ל:
**צוויי מאל א וואך.**

### שאלה ב'

**ווען מען איז זיך קובע צו לערנען אינעם ספר זרע שמשון, וויפיל מינוט זאל מען לערנען לכל הפחות?**

תשובתו של מרן שר התורה הגר"ח קניבסקי זצוק"ל: **פינעף מינוט.**

### שאלה ג'

**פרויען וואס ווילן אויך לערנען דעם ספר זרע שמשון און זוכה זיין צו די געוואלדיגע ברכות, מעגן זיי דאס לערנען?**

תשובותו של יבלחט"א פוסק הדור מרן הראב"ד הגר"מ שטערנבוך שליט"א:
**דאס לערנען אינעם ספר זרע שמשון, ברענגט צו יראת שמים, און יעדע זאך וואס ברענגט צו יראת שמים, איז מותר צו לערנען.**

(דער ראב"ד שליט"א האט צוגעלייגט: ברוך ה' אז היינטיגע צייטן ווילן אויך פרויען לערנען, און דעריבער איז 'אכשיר דרא' אז אסאך פרויען פארשטייען די חשיבות פון תורה און לאזן זייערע מענער זיצן און לערנען. אין מיינע יונגע יארן איז נאר געווען צוויי כוללים איבער גאנץ ארץ ישראל, עס איז געווען זייער שווער, און כמעט קיינער האט נישט געקענט זיצן און לערנען. אבער היינטיגע צייטן די פרויען ווילן לערנען, און ווילן אז זייערע מענער זאלן זיין בני תורה און זיצן און לערנען).

### שאלה ד'

**מענטשן וואס קענען נישט לערנען דעם ספר אדער פרויען וכדו', און ווילן זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחה פונעם מחבר, אויב זיי זענען זיך משתתף אין די הוצאות פונעם ספר און פארשפרייטן זיינע תורות, ווערט דאס אויך אריינגערעכנט אינעם ברכה פונעם מחבר זי"ע?**

**תשובתו של** מרן שר התורה הגר"ח קניבסקי זצוק"ל: **ריכטיג.**

**תשובתו של פוסק הדור** מרן הראב"ד הגר"מ שטערנבוך שליט"א:
**זיכער, דאס איז אויך גוט, עס ווערט פאררעכנט אין דער חלק פון 'מלמד', אזוי ווי מען זאגט ביי די ברכה 'המלמד תורה לעמו ישראל'.**

• • •

ביי דער באזוך ביי **מרן פוסק הדור הראב"ד שליט"א**, האט זיך דער ראב"ד אינטערעסירט אין די אנגייענדע פעולות פונעם מכון, און האט ארויסגעוויזן א שטארקע שמחה איבער דעם וואס מענטשן זענען זוכה צו זען ישועות בזכות'ן לערנען און פארשפרייטן דער ספר זרע שמשון. ביים ארויסגיין האט מרן הראב"ד שליט"א זייער שיין אנגעוואונטשן די ראשי המכון וואס געבן זיך איבער בלב ונפש לקיים צוואת רבינו זי"ע, און האט געוואונטשן איז דער זכות פון זיכוי הרבים און מקיים זיין די בקשה פונעם מחבר זאל ביישטיין פאר אלע וואס זענען עוסק אין דעם, און אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט ברכה און הצלחה, וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה.

• • •

צום שלוס איז פאסיג צו צוצייכענען די לעצטע באזוך וואס די ראשי המכון שיחי' האבן אפגעהאלטן אינעם יאר פונעם הסתלקות אינעם שטוב פון **כ"ק מרא דארעא דישראל מרן הגאב"ד רבינו יצחק טובי' ווייס, בעל שערי טוביה זצוק"ל**, וועלכע איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים דעם פארלאפענע חודש אב, לדאבון לב כל בית ישראל.
ביי דער באזוך האבן די ראשי המכון איבערגעגעבן פארן גאב"ד זצוק"ל די לעצטיגע ספרים וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורכ'ן מכון, און דער גאב"ד האט געוואונטשן הצלחה פאר די חברי המכון אז זיי זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין די עבודת הקודש און מקיים זיין רצון צדיק צו פארשפרייטן און לערנען די ספרים פון רבינו הזרע שמשון זי"ע.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: **zera277@gmail.com**
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120